# א מעשה'לע

גליון ט"ו
פרשת חקת-בלק תשפ"ו
וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן

קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

"מִיר מוּזְן זֶען עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית עֶר זָאל זִיצְן אִין לֶערְנֶען" - אַזוֹי הָאבְּן דִי מִשְׁפָּחָה פוּן רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ גֶעזָאגְט.

רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד; עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, טָאג אוּן נַאכְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט. זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְּ'ט עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָבֶער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעזִיצְן אִין שׁוּל אוּן גֶעלֶערְנְט.

אֵיין טָאג זָאגְט דֶער שְׁוֶוער פַאר זַיין אֵיידֶעם מַתִּתְיָהוּ: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעקוֹיפְט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן עֶסְן, דוּ דַארְפְסְט אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן אִין גֶעשֶׁעפְט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה"; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט. עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט גֶענוּמֶען אַ גְמָרָא עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אִין גֶעשֶׁעפְט; יֶעדֶעס מָאל אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס



דֶער צִיג עֶסְט מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט

קוֹיפְן הָאט עֶר פַארְמַאכְט דִי גְמָרָא און וֶוען דֶער מֶענְטְש אִיז אַרוֹיס הָאט עֶר וַוייטֶער גֶענוּמֶען דִי גְמָרָא און גֶעלֶערְנְט מִיט אַ זִיסֶע קוֹל.

יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פְּרוֹי אִין גֶעשֶׁעפְט הָאט זִיךְ רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים צוּם וַואנְט און נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "נֶעמְט אַייךְ וָואס אִיר ווילְט און לֵייגְט אַרָאפּ דִי גֶעלְט אוֹיפְ'ן טִישׁ"; עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט זַיין פָּנִים ווִילַאנְג עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי פְּרוֹי אִיז נָאךְ אִין גֶעשֶׁעפְט.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אַ פְּרוֹי אִיז אִין גֶעשֶׁעפְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע פְּרוֹי. עֶר שְׁטֵייט און וַוארְט אַז דִי פְּרוֹי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן אַיינְקוֹיפְן און אַרוֹיסְגֵיין, עֶר וַוארְט און וַוארְט, עֶר הֶערְט גֶערוּדֶער, עֶר הֶערְט אַ קוֹל ווִי אֵיינֶער זוּכְט און בַּאבְרֶעט, אָבֶּער קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט און קֵיינֶער קוֹיפְט גָארְנִישְׁט אַיין. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְדְרֵייעֶן כְּדַאי נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע קוּק, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין זַיין ווַייבּ און גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי:

**"מַתִּתְיָהוּ... וָואס אִיז מִיט דִיר??!!!"**

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וָואס הָאט פַּאסִירְט? רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט גֶעמֵיינְט אַז אַ פְּרוֹי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ צִיג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אִיר שְׁטֶערְן; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט און דֶער צִיג עֶסְט און עֶסְט...

דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ'ס ווַייבּ און אִיר טַאטֶע - זַיין שְׁוֶוער - עֶרְשְׁט גֶעזֶען אַז דֶער אִיד אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ שְׁטֵיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶע אִיד און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעלָאזְט זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין גַאס אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי אוֹיגְן, מִיר וֶועלְן נָאר קוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, גְמָרָא און מִשְׁנָיוֹת - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

# ספר המידות

## נִסָּיוֹן - חלק ב'

ג. מִי שֶׁהוּא שׁוֹלֵט בְּיִצְרוֹ, בָּנָיו אֵינָם יוֹצְאִים לְתַרְבּוּת רָעָה, וְעַל יְדֵי זֶה מָמוֹנוֹ נִתְבָּרֵךְ, וְעַל יְדֵי זֶה לֹא יָבוֹא לִידֵי נִסָּיוֹן.

ג. דֶער וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיבֶּער זַיין יֵצֶר הָרָע, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט אַוֶועקְפַּאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, זַיין גֶעלְט וועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט, און עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין נִסְיוֹנוֹת.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691